# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:36
מוצאי שב"ק....................6:07

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..שופטים כ"א-שמואל-א א'
בבלי.......................פסחים נ"ו
ירושלמי..........יבמות כ"ה
תוספתא.....................מנחות ז'
רמב"ם.........קידוש החודש י"ג

פרשת וארא, ג' שבט, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 17 (482)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה כָּבֵד לֵב פַּרְעֹה מֵאֵן לְשַׁלַּח הָעָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, פַּרְעֹה'ס הַארְץ אִיז שְׁוֶוער, עֶר ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ח) וֶוען אַ אִיד נוּצְט זַיין מוֹיל רִיכְטִיג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן, דַאן ווֶערְט עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיפְ'ן מוֹיל, מְ'רֶעדְט זַאכְן וָואס מְ'דַארְף נִישְׁט, דַאן ווֶערְט פוּן "רוּחַ פִּיו" - אַ "רוּחַ סְעָרָה", דָאס בְּרֶענְגְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קִטְרוּגִים אוּן נִסְיוֹנוֹת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

דָאס מוֹיל אִיז דֶער טוֹיעֶר אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אַ אִיד הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת אִין זַיין מוֹיל, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי טִיף עֶר אִיז גֶעפַאלְן, אִין ווִיפִיל שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן עֶר נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען, קֶען דֶער אִיד נוּצְן בְּלוֹיז זַיין מוֹיל, אוּן מִיט דֶעם אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער ווֶעלְט.

ווֶען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ נוּצְן זַיין מוֹיל פַאר גוּטֶע צְוֶועקְן, עֶר נוּצְט זַיין מוֹיל פַאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן עֶר טוּט דָאס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת טָאג נָאךְ טָאג, ווֶעט עֶר סוֹף כָּל סוֹף זִיכֶער ווֶערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיין מֹחַ ווֶעט ווֶערְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶר ווֶעט אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר ווֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת'עֶ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מְ'קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, ווִי אֵיינֶער זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אַ נָאנְטֶער חָבֵר, ווִי אַ קִינְד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ זַיין טַאטֶע, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר זָאגְט אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרִיקְט אִים, אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ. ווֶען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ טוּן, ווֶעט דָאס אִים נֶעמֶען פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וואו עֶר זָאל זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען אוּן אִים אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ.

אוּן פַארְקֶערְט, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט זַיין מוֹיל הֶפְקֵר צוּ רֶעדְן אוּן פְּלוֹידֶערְן נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ עֶר רֶעדְט זַאכְן וָואס מְ'טָאר נִישְׁט, ווִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת אוּן דָאס גְלַייכְן, רַייסְט דָאס אִינְגַאנְצְן אוֹיס זַיין מֹחַ, עֶס מַאכְט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אִין זַיין מֹחַ, סְ'מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט אוּן נֶעמְט אַוֶועק זַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דָאס אִיז וָואס טֵיילְט אִים אִינְגַאנְצְן אָפּ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אִים.

פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ נָאכְדֶעם אַז דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ ווֶערְט שְׁוֶוער אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מִצְוֹת, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן ווֶערְט פַארְלָאשְׁן אוּן פּוּסְט, אוּן עֶר הָאט בִּיטֶערֶע אוּמְבַּא'טַעמְ'טֶע לֶעבְּן.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה אָנְצוּהוֹיבְּן נוּצְן דָאס מוֹיל, רֶעדְן אַפָּאר ווֶערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מְ'פִילְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, זָאגְן דִי ווֶערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אֲפִילוּ ווֶען סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט מִיט קַיין חִיּוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער דוּרְכְ'ן נוּצְן דִי מוֹיל אוֹיף אַ גוּטֶע ווֶעג, ווֶעט דָאס הַארְץ שׁוֹין נָאכְקוּמֶען, עֶר ווֶעט עֶווֶענְטוּעֶל אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין גַאנְצֶע ווֶעזְן ווֶעט אוֹיפְלֶעבְּן מִיט חִיּוּת אוּן סִיפּוּק, עֶר ווֶעט שְׁפִּירְן אַ גוּטְן טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְכְ'ן מוֹיל, דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק'). דוּרְכְ'ן אוֹיסְנוּצְן דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִינֶעם מוֹיל הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ אוּן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיר אַלֶע קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה פוּן צַדִּיק, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ס', כ"א) "וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים", אוּן דֶערְפַאר הָאט יֶעדֶער אִיד אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא (סַנְהֶדְרִין צ'.), ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ". נִישְׁט יֶעדֶער אִיז אָבֶּער דֶער זֶעלְבֶּער סָארְט צַדִּיק, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער הָאט דֶער זֶעלְבֶּער סָארְט חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, ווִי דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט צוּ "נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר", אַזוֹי ווִי פְּלַאנְצוּנְגֶען, וָואס דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט אוּן גֶעלוּנְגֶענְקֵייט פוּנֶעם פְּלַאנְצוּנְג ווֶענְדְט זִיךְ אִין ווִיפִיל כּוֹחוֹת מְ'לֵייגְט אַרַיין דֶערִין, אַז מְ'הָאט גוּט גֶעאַקֶערְט אוּן גֶעזֵייט, גוּט בַּאוַואסֶערְט אוּן גֶעפְלֶעגְט, אוּן דֶערְנָאךְ גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן סְ'זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען קַיין ווֶערִים אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס קֶענֶען עֶס שֶׁעדִיגְן, דַאן וַואקְסְט עֶס זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער בּוֹים, אוּן סְ'גֶעבְּט אַרוֹיס גוּטֶע אוּן זִיסֶע פְּרוּכְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ אִיד, לוֹיט ווִיפִיל כּוֹחוֹת עֶר לֵייגְט אַרַיין, אוּן דֶער עִיקָר מִיטְ'ן מוֹיל וָואס דָאס

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה", אַז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִּיק, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי ווֶעלְט, גְלֵייבְּט אָבֶּער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ ווִיל מֶען ווֶערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּיינִיגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר ווֶעט נָאר טוּן פְּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב

<<<<<<

## א גוט ווארט

פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן אַ נֵייעֶם בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי ווֶעלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה; ווֶען עֶס וָואלְט ווֶען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט ווֶעלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט הֶערְן; לָאז אָפּ אַלֶע אַלְטֶע זַאכְן אוּן הֵייבּ אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, עֶס ווֶעט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס וָואס דוּ טְרַאכְסְט טָאג אוּן נַאכְט פוּן וָואס אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ'; הָאסְט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג גֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט, יֶעצְט אִיז צַייט אָנְצוּהֵייבְּן אַ נֵייעֶם בְּלֶעטְל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"א)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מַחְשָׁבוֹת וָואס פַּייניגְן דֶעם מֶענְטְש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שַׁבָּת מְבָרְכִים,
כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּנוֹגֵעַ דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס לָאזְן דִיר נִישְׁט מְנוּחָה וְכוּ', דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַּארְלוֹירְן; דוּ ווִילְסְט אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט אָבֶער דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן, שְׁטֶענְדִיג בִּיסְטוּ צֶעמִישְׁט, דוּ טְרַאכְסְט אִיבֶער, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים; דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג; מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּייניגְן מִיר, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת לָאזְן מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, אִיךְ טְרַאכְט טָאג אוּן נַאכְט אִיבֶער אַלְטֶע זַאכְן: 'אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן?' 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן?' אִיךְ פַּייניג זִיךְ מִיט סְפֵיקוֹת, אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטֵיין בַּיי יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, עֶס הַאקְט מִיר אִין קָאפּ: 'יָא גוּט גֶעטוּן, נִישְׁט גוּט גֶעטוּן?' 'אִיךְ בִּין יָא גוּט? אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט?'

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דִי יִסוּרִים אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס גֶעזוּנְט, אִיךְ זֶע אוֹיס פֵיין, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג בִּין אִיךְ חָרוּב וְנֶחֱרַב, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע וֵוייטָאג, אָבֶער דוּ בִּיסְט דָאךְ "הַיּוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת", דוּ וֵוייסְט מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר, "יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא", הֶעלְף מִיר, הֵייל מִיךְ אוֹיס, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר אוֹיסְהֵיילְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג זִיךְ צוּ הֵיילְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין רְפוּאָה פַּאר מִיר, דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶענְסְט מִיר אוֹיסְהֵיילְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן דִי תְּפִלָּה לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ טָאג זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען מְנוּחָה אִין דַיין מֹחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט מִיר וַוייטֶער שְׁרַייבְּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן דִיר, אִיךְ זֶע אִין דִיר אַן עָתִיד אַ שֵׁיינֶעם.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"א)

>>>>>>
אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר גוּט אַיינְגֶעוָוארְצְלְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען בַּאזִיגְן אַלֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן, אוּן זַיין בֶּאֱמֶת דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, מְ'דַארְף בְּלוֹיז רֶעדְן מִיט'ן מוֹיל, אָבֶער וַוייל סְ'הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דָאס וֶועט אִים אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְלֵייגְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק "כָּבֵד לֵב", פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ אַז דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל אִים וֶוערְן שְׁוֶוער ווִי אַ שְׁטֵיין, עֶר זָאל פַּארְלִירְן דֶעם גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דוּרְךְ "פַּרְעֹה – פֶּה רַע", דוּרְךְ דֶעם וָואס דָאס מוֹיל רֶעדְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין זֵיי שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן אוּן שְׁרֵייעֶן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן גָלוּת, אוּן דַאן הָאט מֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב "פֶּסַח – פֶּה סָח", דָאס מוֹיל זָאל אָנְהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער ווִיפִיל עֶר קֶען, מֶער אָדֶער וֵוייניגֶער, אָבֶער זַיין שְׁטַארְק מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת אוּן פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, מִיר וֶועלְן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וָאֵרָא תשס"ז-תשס"ו)

>>>>>>
אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִיק לֶערְנְט אָבֶער אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סֵיי ווִי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶונֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווִידֶערְאוּם דִי שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, וַוייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרֵייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרַייסְט מֶען אִים דִי גְזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַזַא קְלֵיינִיקֵייט ווִי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כַּשְׁרוּת. עֶס אִיז בָּרוּךְ ה' הַיינְט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס. אָבֶער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, עֶר זֶעט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר אוּן זַיין נָאר כָּשֵׁר, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּין דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב) צוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, הָאט זֵיי דֶער רַמְבַּ"ם גֶעשְׁרִיבְּן אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן, אוּן דָאס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר בְּלוּט אוּן הָאט פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מֹחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. זֶעט מֶען ווִי דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס, אַ זַאךְ וָואס אִיז טַאקֶע גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אָבֶער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ דִי בִּיטֶערֶע ווֶעלְט מִלְחָמָה וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶער מַצָּב פוּן כַּשְׁרוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע כָּשֵׁר'עֶ שְׁחִיטָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חָלָב יִשְׂרָאֵל. נָאר גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער צֶעהֶלִימֶ'ער רָב זִ"ע וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ כָּשֵׁר'עֶ שְׁחִיטָה, אוּן אוֹיךְ אַ פַאבְּרִיק פוּן כָּשֵׁר'עֶ מִילְךְ אוּן כָּשֵׁר'עֶ מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פִילֶע אִידְן פוּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת ח"ו.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זִ"ע אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען מֵקִיל זַיין צוּ גֶעבְּן גוֹי'אִישֶׁע פוּטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן גֶעווִיסֶע הֶתֵּרִים אוֹיף פוּטֶער פוּן אַ גוֹי. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "אָבֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס בָּשָׂר בְּחָלָב?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, ווִי קוּמְט אַהֶער בָּשָׂר בְּחָלָב צוּ גוֹי'אִישֶׁע פוּטֶער? עֶר הָאט אָבֶער גֶעפָאלְגְט אוּן נִישְׁט גֶענוּצְט דִי פוּטֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. וַוייל דֶער פַאבְּרִיק פְלֶעגְט אַרַיינְמִישְׁן פְלֵיישִׁיגֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן אִין דִי פוּטֶער עֶס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטְן טַעַם.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵּים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיט'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי"א:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר צוּ וַוייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, מֶער פוּן ווִי צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט; אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען. יֶענֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נָאךְ יָא עֶפֶּעס וֶוערְד.

אוּן אַמָאל אִיז דָא אַ מַצָּב וָואס אַ מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ גֶעלְט רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ אִים. קֶענְסְט אִים פָארְשְׁלָאגְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן
<<<<<<

>>>>>>

אַסאךְ גֶעלְט, עֶר דַארְף עֶס אָבֶער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן. אָבֶער אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וועלְכֶע זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן זִיךְ זֵייעֶר צוּקְרֶעכְצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין שְׁוֶוער לֶעבְּן. הָאט אִים דֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט. נָאךְ סוּכּוֹת בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דֶערְמִיט הָאלְץ פַאר דִי ווִינְטֶער, אוּן עֶס אִיז דִיר נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ. ווִידֶערְאוּם אִיךְ, בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב בַּיי מַיין רֶבִּי'ן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין. אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן דִיר"... הָאט אִים דֶער צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק. מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶער דָאס נוּצְט זִיךְ אוֹיס. דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן דָאס נוּצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס"... זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי בְּלוֹיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן חִזּוּק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אוּן דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן אַ קְרַאנְקְן? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז אוֹיבּ עֶר גֵייט מוּז עֶר טוּן עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר יֶענֶעם. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט זִיךְ מְחַיֶּה זַיין בְּלוֹיז וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקַייטְן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה לפ"ק)

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִיפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" – אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט ווִי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת י"ד)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי אוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן בָּרוּךְ ה', אִיךְ ווִיל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיּוֹם. אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין גָאר שְׁפֶּעט, אוּן לְכָבוֹד דֶעם קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ דַאוֶוענֶען אַסַאךְ מָאל בְּיְחִידוּת.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן הִתְחַזְּקוּת אוֹיף אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם; בִּפְרַט וֶוען דוּ הָאלְסְט יֶעצְט פַאר דַיין חֲתוּנָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער ווִיכְטִיג, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם פַאר דִי וַוייבּ וֶוען דֶער מַאן שְׁלָאפְט בִּיז אִין טָאג אַרַיין.

זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מַאן שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג בִּיז שְׁפֶּעט; קֶען זַיין עֶר וֶועט דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְן זַיין חֲשִׁיבוּת וְכוּ'. וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דִי וַוייבּ שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן גֵייט צוּם אַרְבֶּעט, זִי ווִיל הֶעלְפְן אִיר מַאן מִיט פַּרְנָסָה אוּן וֶוען זִי זֶעט טָאג אַיין טָאג אוֹיס ווִי עֶר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג, קֶען מֶען פַארְלִירְן דָאס חֵן אוּן חֲשִׁיבוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ עֶס בַּאוַוייזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

***

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מִקְוֶה?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טַאטֶע הָאט מִיר מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה, אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ טַאקֶע בָּרוּךְ ה'. אִיךְ ווִיל אָבֶער יָא זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי שִׁיעוּרִים אַז מְ'קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אִין מִקְוֶה, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מְ'קֶען רֶעדְן בְּמַחְשָׁבָה, אַזוֹי ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן ט"ז) אַז סְ'אִיז דָא אַ תְּפִלָּה פוּן דִי לוּנְגֶען צוּם מֹחַ, אוּן דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען שְׁרַייעֶן אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת דַארְף זַיין דַוְקָא מִיטְ'ן זָאגְן, אָדֶער אוֹיבּ אִיךְ שְׁפִּיר מֶער אַ גֶעשְׁמַאק דוּרְךְ לֶערְנֶען מִיט בַּרְטְנוּרָא וְכַדּוֹמֶה אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ גוּט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט בַּקָּשׁוֹת וְכוּ' – אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם. דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גוּט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אִין מִקְוֶה, אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט וִידּוּי דְּבָרִים. רֶעדְן אִין מִקְוֶה מֵיינְט מֶען 'רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן'; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין – דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעטוּן.

מוֹהֲרַ"א"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אַלְס בָּחוּר אִין צֶעהְלִים'עֶר מִקְוֶה ווִי דֶער סְקָאלְיֶער רֶבִּי, הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי דָּוִד יִצְחָק אַייזִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין; עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִּין, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ נִיגוּן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט: "סְקִילָה, סְקִילָה, סְקִילָה"; "שְׂרֵפָה, שְׂרֵפָה, שְׂרֵפָה"; (מוֹהֲרַ"א"שׁ פְלֶעגְט עֶס זִינְגֶען מִיט דִי תְּנוּעָה), אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ צַדִּיקִים, מֶען פְלֶעגְט זֵיי הֶערְן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִין מִקְוֶה.

דָאס אִיז נִישְׁט וָואס דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה; זַיי שְׁטַארְק וַוייטֶער מִיט דַיין אֵיידְלְקַייט, רֶעד נִישְׁט אִין מִקְוֶה; עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה.

בְּעִנְיַן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מִקְוֶה מִיט דִי מַחְשָׁבָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת הַמְתָּקַת דִּין, סִימָן נד): "עַל יְדֵי יְשִׁיבָה בַּמִּקְוֶה תַּחַת הַמַּיִם", וֶוען מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ, אַז מֶען הַאלְט אַיין דֶעם אָטֶעם אוּנְטֶער דִי וַואסֶער, "עַד שֶׁלֹּא יוּכַל לְהַחֲזִיק בְּעַצְמוֹ הָרוּחַ וְהַנְּשִׁימָה", בִּיז מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, מֶען פַארְלִירְט דֶעם אָטֶעם, "נִמְתָּק הַדִּין", – וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מַאכְן לַאנְגֶע טְבִילוֹת, מֶען הַאלְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי וַואסֶער בִּיז מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אוּן בִּשְׁעַת מֶען אִיז אוּנְטֶער דִי וַואסֶער אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בְּמַחְשָׁבָה, מֶען טְרַאכְט ווִי מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הַמְתָּקַת הַדִּינִים.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת; מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיינְס בְּעִיּוּן מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ בַּרְטְנוּרָא אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר בִּגְירְסָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"א)


עצתו אמונה
ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן
718-387-2691 #3


BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צא)

**שעד**

נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶה גֶעוֶוען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, פִּלְאֵי פְּלָאִים, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי בְּרוֹיט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן דִי מַעֲשֶׂה אוּן הָאט גֶעזָאגְט, "דִי מַעֲשֶׂה וֶועט אוֹיסְפֶּעלְן סֵיי פַאר דִי וָואס זֶענֶען דָא אוּן סֵיי פַאר דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט דָא", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "אִיר וֶועט נָאךְ זֶען וָואס וֶועט גֶעשֶׁען שְׁפֶּעטֶער מִיט דִי מַעֲשֶׂה".

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר פְרֶעמְדֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ וֶועט אִיר עֶס יָא דֶערְצֵיילְן, וֶועל אִיךְ אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ הָאבְּן, אָבֶּער דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי חֵייקֶל אִיז פְרֵיילִיךְ, וָואס זַיין שִׂמְחָה אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה".

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה זָאלְן זַיין עָרֵב אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אַז מְ'זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַ פְרֶעמְדֶער. עֶס אִיז דַאן גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַז יֶענֶער וֶועט עֶס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן, וַוייל יֶענֶער פְלֶעגְט אַסַאךְ פְּלוֹידֶערְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זֵייעֶרֶע זָארְגְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט וָואס סְ'וֶועט זַיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט עֶס וַוארְשֵׁיינְלִיךְ יָא אוֹיסְזָאגְן, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי טְרַאכְטְן דָאס רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן, "אוֹיף אִים בִּין אִיךְ עָרֵב אַז עֶר וֶועט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם".

וֶוען דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר קֶען דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶענוּמֶען עֲרֵבוּת אוֹיף אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר עֶס אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן.

[אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט מְ'זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַ פְרֶעמְדֶער, דֶערִיבֶּער אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן נָאר בִּכְתַב יַד, אוּן מְ'קֶען עֶס נִישְׁט דְרוּקְן].

**שעה**

נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אֵיין טָאג גֶעדַאוֶוענְט זֵייעֶר פְרִי, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה צוּ גֵיין רוּפְן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "קוּם מִיט מִיר שְׁפַּאצִירְן", אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן שְׁפַּאצִירְט צְוִוישְׁן דִי גְרָאז.

הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶעזָאגְט, "וֶוען דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פוּן דִי גְרָאז, וִוי יֶעדֶעס גְרָאזְל זִינְגְט שִׁירָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם פְּנִיָּה אוּן אָן קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן זֵיי וַוארְטְן אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר דֶעם, וִוי שֵׁיין אוּן הֶערְלִיךְ אִיז צוּ הֶערְן זֵייעֶר שִׁירָה, סְ'אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין פְרוּם צְוִוישְׁן זֵיי".

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בַּארְג נֶעבְּן שְׁטָאט, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס דָארְט אִיז, הָאט דֶער רֶבִּי אִים עֶרְקְלֶערְט אַז אִינְ'ם בַּארְג אִיז דָא דָארְט וִוי אַ קְלֵיינֶע הֵייל, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "קוּם, לָאמִיר אַהִינְגֵיין!", אוּן זֵיי זֶענֶען טַאקֶע דָארְט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִינֶעוֵוייניג הָאט מֶען נִישְׁט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל דֶער בַּארְג אִיז גֶעוֶוען הוֹיל פוּן אִינֶעוֵוייניג, אוּן אַבִּיסְל טִיף אַרַיין אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיינֶע הֵייל.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין אַרְבְּל אַ סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" [אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע סֵפֶר פוּן תְּפִלּוֹת, פַארְפַאסְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ רֶבִּי נָתָן נָטֶע הַנּוֹבֵר זי"ע ה' יִנְקוֹם דָמוֹ פוּן נֶעמִירוֹב], עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אָן אוֹיפְהֶער. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי זַייט אוּן גֶעהַאלְטְן זַיין לוּלְקֶע צִיבֶּעךְ, אוּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעוֵויין פוּן רֶבִּי'ן.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט וֵויינֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין קוּקְן וִוי דֶער טָאג הַאלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶען אַז סְ'אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט גֶעוָוארְן, דִי זוּן הוֹיבְּט שׁוֹין אָן אוּנְטֶערְגֵיין, אַזוֹי לַאנְג הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן, כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע לַאנְגֶע זוּמֶער טָאג אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל אִינְדֶערְמִיט.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן צוּ מַאכְן פֵייעֶר, עֶר הָאט פַארְרֵייכֶערְט זַיין לוּלְקֶע אוּן גֶעזֶעסְן דָארְט אַבִּיסְל, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, "סְ'וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען סְ'וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּ מִיר, יֶעצְט בִּין אִיךְ אָבֶּער אִין אַייעֶרֶע הֶענְט, אוּן אִיר מִיט ר' יַעֲקֹב יוֹסֵף, אוֹיבּ ווִילְט אִיר, קֶען אִיךְ מַאכְן פוּן אַייךְ צַדִּיקִים אַזוֹי וִוי מִיר!".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שובבי"ם

**איז שובבי"ם א טרויעריגע צייט אדער א פרייליכע צייט? צי איז עס בכלל א זאך וואס האט עפעס מיט מיר?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 70**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נייע אפטיילונגען אין די וועכענטליכע "עצתו אמונה"

## מעשיות און גורלות פאר קינדער

## מפתח פון "קול ברסלב"

אין די לעצטע וואכן האט מען צוגעלייגט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף עטליכע זייער שיינע אפטיילונגען אין די וועכנטליכע עצתו אמונה אויסגאבע וואס אנטהאלט די בריוו פון ראש ישיבה שליט"א פון די לעצטע וואך.

צום ערשט איז צוגעקומען יעדע וואך א שיינע מעשה, געשריבן דורכן ראש ישיבה שליט"א ספעציעל פאר קינדער, מיט א שיינע געמאלענע בילד, ספעציעל געמאלן דורך א בארימטע מעלער פאר די עצתו אמונה פאר קינדער. יעדע וואך קומט א שיינע מעשה וואס לערנט אויס שיינע מוסר השכל און ברענגט אריין יראת שמים. די קינדער וואס נעמען ארויס א שיינע מוסר השכל אדער געדאנק, און שיקן עס אריין, וועלן אריינגיין אין עטליכע שיינע גורלות.

אויך איז צוגעקומען זייער א פראקטישע אפטיילונג, "מפתח פון קול ברסלב", דארט וועט בעז"ה אויסגערעכנט ווערן יעדע וואך אלע נייע שיעורים, דרשות, אינטערוויוס און נאך, וואס איז ארויף אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, אויף א שיינע מסודר'דיגע וועג, מ'זאל עס קענען גרינג טרעפן. ווי אויך דרשות פון די פארגאנגענע יארן אויף די פרשה, וואס מ'קען הערן אויפ'ן ליין.

מאכט ליכטיג אייער שטוב, שרייבט אייך איין פאר סובסקריבשאן צו באקומען די "עצתו אמונה" וועכענטליך אויף די פאסט, פאר די סומע פון בלויז $2.99 א וואך. רופט דעם "קרן הדפסה" אויף 718-387-2691 עקסטענשאן 3, אדער שיקט אן אימעיל צו subscribe@kerenhadfusa.org.

**עצתו אמונה, פעולתו אמת!**

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **מנחם מענדל שימשאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **וואלווי שטערן** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

החתן **נתי שווארץ** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעקס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק לשבוע זו נתנדב ע"י החתן יעקב הלל פארקאש הי"ו